# Translation
איבערזעצונג

# *Tall Tamare*

from *Vilne Mayn Vilne (Vilna My Vilna)*

by Abraham Karpinovitch / translated by Helen Mintz

**YIDDISH WRITING AFTER THE HOLOCAUST** is notably unsentimental about the world the Nazis destroyed. Many heartbroken people did write inexpertly about lost loved ones who appeared perfect in their absence; some of the *yisker-bikher* (memorial books for destroyed towns) gloss over painful details. But those same *yisker-bikher* present accurate maps, frank character sketches, and a realistic picture of the culture that was so brutally erased, and many expert writers – equally heartbroken – speak with great honesty about the world before the war.

Abraham Karpinovitch (1913–2004) is known to a small but discerning public as a writer of fine short stories set in interwar Vilna. He belonged to one of Vilna's literary and artistic families: his father Moshe directed the Folksteater, and his sisters Rivka and Devorah were actresses. His brother Meylekh, after the war, co-edited the important Yiddish literary journal *Di goldene keyt (The Golden Chain)* with Vilna poet and hero Abraham Sutzkever. Abraham Karpinovitch spent the war in the Soviet Union and afterwards made his way to Israel, with a delay of two years in a British detention camp on Cyprus. Eventually he settled in Tel Aviv, where he worked as manager of the Israel Philharmonic Orchestra.

Karpinovitch recreates prewar Vilna with subtle artistry and painstaking accuracy: streets, businesses, libraries, people, slang. In "Tall Tamare," the multilingual Mefitse Haskole was a real library containing 45,000 volumes on widely varied subjects; the Strashun Library had 35,000 uncatalogued volumes of Judaica, and its librarian, Khaykl Lunsky, knew where to find every book. Sioma Kagan was a journalist and ethnographer as well as a labor organizer. As for slang, *klumpes*, the Vilna Jews' term of disparagement for Lithuanians, means "wooden clogs" – roughly equivalent to the English "clodhoppers" as an insult for peasants in heavy shoes.

"Tall Tamare" is both sympathetically comic and painfully tragic in its presentation of Vilna's poor and the unexpected dignity available to one woman through a chance contact with Yiddish literary culture. We are proud to present this fine translation by Helen Mintz, with thanks for the assistance of Sheva Zucker and the permission of Abraham Karpinovitch's widow, Dr. Sara Lapickaja.

*—Catherine Madsen*



# טאַמאַרע די הויכע

## פֿון ווילנע, מײַן ווילנע

### אַבֿרהם קאַרפּינאָוויטש

די צרות האָבן זיך אָנגעהויבן בײַ בערטען די לוכטע. זי האָט געהאַט אַ הײַזל אויף יאַטקעווער גאַס. ס'איז געווען אַן אײַנגעפֿירט אָרט. דאָס געשעפֿט איז געגאַנגען מקנא צו זײַן. דאָרט איז געווען תּמיד פֿול, צוליב טאַמאַרען. ווילנער בחורים האָבן זיך געקלעפּט צו איר. פֿרײַטיק צו נאַכט האָט יענע ניט געהאַט קיין פֿרײַע מינוט.

איז אָבער בערטע געווען זייער זשעדנע. געוואָלט אַרײַנכאַפּן די וועלט. האָט זי אָנגעהויבן שרײַען אויף טאַמאַרען, מאַכן איר דעם טויט. דאָ רעדט זי צו פֿיל, דאָ לאַכט זי ווען מען דאַרף ניט, און לאָזט אַרויס געסט. וואָלט טאַמאַרע פֿאַרשלונגען די אַבידעס, ווײַל פֿאָרט איז בײַ בערטען אין הײַזל געווען ווייך און וואַרעם, האָט אָבער בערטע אָפּגעטאָן אין איינעם אַ פֿרײַטיק צו נאַכט אַ זאַך, וואָס דאָס איז שוין געווען איבער דער גאַל. אַזוי פֿיל, אַז טאַמאַרע האָט איבערגעוואַרט דעם שבת און גלײַך אויף מאָרגן גענומען איר קופֿערל, אײַנגעפּאַקט די פּאָר קליידלעך מיט אַלע פֿאָרזעצונגען פֿון דעם ראָמאַן ר ע ג י נ ע  ד י  ש פּ י אָ נ ק ע, וואָס זי פֿלעגט קויפֿן יעדן פֿרײַטיק, און אַוועק פֿון בערטען.

מיידלעך פֿון פֿאַך האָבן געעצהט טאַמאַרען ניט אַוועקצוגיין. מען האָט שוין ניט איין אַבידע אַראָפּגעשלונגען פֿון די באַלעבאָסטעס. אָבער טאַמאַרע די הויכע האָט געהאַט איר אייגענעם האָנאָר, כאָטש קיין גרויסע דאַמע איז זי אין ווילנע ניט געווען. אין וואָלאָקומפּיע, דער שיינער געגנט הינטער ווילנע, איז זי אויף דאַטשע ניט געפֿאָרן, און בײַ דעם „גרינעם שטראַל" אין קאַפֿע איז זי ניט געזעסן.

טאָ פֿאַר וואָס, טאַקע, איז טאַמאַרע אַוועק פֿון בערטען? די זאַך איז געווען אַזוי.

פֿרײַטיק צו נאַכט האָבן זיך נוהג געווען צו באַזוכן טאַמאַרען אַלע שטענדיקע קאַוואַליערן, ווי איצקע דער האָז, זרחקע דער בעזון, סענדער דער זאַיקע פֿון ייִדישע גאַס, מענדל דער פּאָזשאַרניק און נאָך און נאָך. אַלע פֿלעגן זיך אויסזעצן אויף אַ באַנק אין פֿירהויז און וואַרטן אויף זייער ריי. אַרומגעוואַשענע, אָפּגעראַזירטע, מיט ריינע העמדער, ווי עס פֿירט זיך לכּבֿוד שבת. צווישן זיי האָט זיך אויסגעטיילט הערשעלע דער טרעגער, דער קאַרליק, וואָס זײַנע פֿיס זענען נישט דערגאַנגען ביז צו דער פּאָדלאָגע. טאַמאַרע האָט אים תּמיד באַזונדער געליובעט, ווײַל ער האָט זיך ניט צוגעכאַפּט צו איר ווי צו דעם קוגל פֿון טשאָלנט. ער האָט איר קיין מאָל ניט פֿאַרטשעפּעט מיט אַ האַדקען וואָרט. ער האָט אויך געהאַט שיינע מאַניערן, אַפֿילו געהאַט שׂכל צו ברענגען אַ מאָל אַ זעקעלע צוקערקעס.

אַ מאַנצביל איז ער געווען, וואָס ווײַבער הרגענען זיך פֿאַר אַזאַ. לויט זײַנע כּוחות האָט ער געדאַרפֿט בלײַבן איבער נאַכט, אָבער יענער האָט קוים געהאַט צו באַצאָלן פֿאַר איין באַזוך. איז ער געלעגן נאָך דעם מיט איר, די קורצע פֿיס אויסגעצויגן ביז אירע קנעכלעך און געבעטן:

— טאַמאַרינקע, לאָמיר ליגן נאָך אַ רגע לעבן דיר. איך וויל שפּירן דעם טעם פֿון אַ חתונה געהאַטן...

האָט טאַמאַרע קיין וואָרט ניט איבערגערעדט און אויסגענוצט הערשעלעס חלום אויף אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם מיט אַ קאַלטער גלאָז טיי, וואָס זי האָט זיך געהאַט צוגעגרייט און ניט געקאָנט דערגיין צו דעם אַ גאַנצן אָוונט.

בערטע האָט דערזען ווי עטלעכע בחורים שטייען אויף פֿון באַנק און ווילן אַוועקגיין. זי האָט אויך געהערט ווי סענדער דער זאַיקע עצהט, מען זאָל אַריבער צו אסתּרקען מיט די ברילן. יענע האָט געהאַט אַ הײַזל אויף זאַוואַלנע גאַס, לעבן האָלצמאַרק. ער האָט נאָך דערבײַ צוגעאיקעט:

— וואָס וועט מען, מען דאָ זיצן ווי, ווי הינער אויף, אויף די איי... אייער?...

און אַזוי ווי הערשעלע איז געלעגן לעבן טאַמאַרען און זיך געקוויקט מיט דער רגע, האָט בערטע די לוכטע אָנגעהויבן קלאַפּן מיטן פֿויסט אין דער טיר פֿון טאַמאַרעס אַלקער און זיך צעשריִען:

— הערשעלע! אַ שׂרפֿה דיר אין... דו ווייסט דאָך ווו!... אַזאַ ווי דו דאַרף ניט קומען פֿרײַטיק צו נאַכט, נאָר אין דער וואָכן! צעבראָכסט מיר דאָס געשעפֿט!

טאַמאַרע האָט געשלעפּט דאָס קופֿערל צו דער חבֿרטע, לאהקע די שוואַרצע, וועלכע האָט געוווינט אויף שקאַפּלערנע, הינטערן וואָקזאַל. אויפֿן וועג האָט זיך אַלץ אין איר געבונטעוועט קעגן בערטען. יענע האָט אין גאַנצן פֿאַרגעסן, אַז אַ מיידל פֿון דער בראַנזשע איז אויך אַ מענטש מיט האַרץ און געפֿיל, ווי מען זינגט אין ייִדישן טעאַטער. זי האָט דאָך ניט געאַרבעט בײַ רעדלען מצה, ווו דער אויוון ברענט און מען דאַרף וואָס גיכער פֿאַררוקן די סחורה. אויף וועמען האָט זי זיך געוואָרפֿן, די באַנדערשניצע? אויף הערשעלען, דעם סאַמע עלנטן, וואָס האָט ניט געהאַט אין גאַנץ ווילנע צו וועמען זיך צוצוטוליען...

בײַ לאהקען האָט טאַמאַרע געהאַט צײַט אַרײַנצוקוקן אין אַ ביכל. פֿון אַלע אין פֿאַך איז זי געווען די סאַמע גראַמאָטנע, אַפֿילו געבעטן ביכער אין דער ביבליאָטעק „מפֿיצי־השׂכּלה", וואָס אויף זאַוואַלנע גאַס. אמת, זי האָט געמוזט אָנקומען צום ביבליאָטעקאַר קראַסני, ער זאָל איר זאָגן וואָס צו לייענען. דורך אים טאַקע איז זי געקומען צו אַ ביכל, אָנגעשריבן דורך איינעם אַ דיומאַ מיט דעם נאָמען ד י  ק אַ מ ע ל י ע ן־ד אַ מ ע. זי האָט געלייענט די מעשׂה פֿאַר איר חבֿרטע, לאהקע די שוואַרצע, און ביידע האָבן זיך גוט אָנגעוויינט, דער עיקר בײַם סוף, ווען די קאַמעליען־דאַמע, וואָס איז גאָרנישט געווען קיין דאַמע, נאָר געגעסן דאָס זעלבע ביטערע שטיקל ברויט פֿון וואַלגערן זיך אין פֿרעמדע בעטן, איז אַוועק שטאַרבן. ווען סיאָמקע קאַגאַן, דער רעפּאָרטער פֿון דער צײַטונג ו ו י ל נ ע ר  ט אָ ג, האָט פֿאַרטראַכט צו

The trouble began at Stovepipe Berte's. She had a brothel on Yatkever Street. It was well established – a business to envy. The place was always packed because of Tamare; Vilne guys couldn't get enough of her. On Friday evenings Tamare didn't have a free moment.

But Berte was very greedy; she wanted everything for herself. She started screaming at Tamare, turning her days into a living hell. First, Berte accused Tamare of talking too much, then of laughing when she shouldn't and ignoring customers. Tamare would have swallowed these insults because, after all, Berte's brothel was warm and cozy; but one Friday evening Berte did something that was too much to bear. So Tamare waited until after *Shabbes* and the next morning, first thing, she took her little trunk, packed her few dresses and all the installments of the book *Regina the Spy* which she bought every Friday, and left Berte's.

The other girls in the trade advised Tamare not to go. They had each swallowed plenty of insults from the madams. But even though Tall Tamare wasn't one of the grand ladies of Vilne and didn't own a *dacha* in Volokumpie, a beautiful area beyond Vilne, or spend time in the *Griner Shtral Café*, still, she had her self-respect.

So why did Tamare leave Berte's? It was like this:

Every Friday evening, all of Tamare's regular beaus came to see her. There was Itzik the Hare, One-eared Zorekhke, Sender the Stutterer from Yiddishe Street, Mendel the Fireman and many others. They sat together on a bench in the foyer waiting their turn. They were washed, clean-shaven, and wore clean shirts, as befits *Shabbes*.

Hershl the Porter, a dwarf whose feet didn't reach the floor, stood out from the others. Tamare pampered him because he didn't throw himself at her like at the *kugel* that followed the *cholent*. Hershl had excellent manners. He never insulted her with vulgar language and even had the sense to bring her a little bag of candy from time to time.

Women killed for men like Hershl. Given his vigor, he really needed to stay the entire night, but he could barely afford one visit. Afterwards he lay with Tamare, his short legs stretched out to her ankles and begged, "Tamarinke, let me lie next to you for one more minute. I want to have the feeling of being a married man." Tamare didn't say anything to Hershl. She took advantage of his dream to catch her breath with a glass of cold tea which she had prepared, but had not had time all evening to drink.

Meanwhile, Berte noticed several guys get up from the bench and prepare to leave. She heard Sender the Stutterer suggest they visit Esther with the Eyeglasses, who had a brothel on Zavalne Street, next to the lumber market. Sender stuttered, "Wh-wh-why should we sit h-h-here like h-h-hens on their eggs?"

And so while Hershl was lying next to Tamare and reveling in the moment, Stovepipe Berte began banging her fist on the door of Tamare's cubicle and screaming, "Hershl! May you burn. . .you know where! Guys like you shouldn't come Friday night, but during the week. You're ruining my business!"

Tamare dragged her little trunk to her friend Black Leyke's, who lived on Shkaplerne Street, behind the train station. As Tamare made her way to Leyke's, her entire being raged against Berte. "Berte has completely forgotten that a girl in this line of work is also a person with a heart and feelings, like they sing in the Yiddish theatre. I'm not just putting holes in matzo, where the oven is burning hot and you have to shove the merchandise in as quickly as possible." And who had that gangster Berte picked on? On little Hershl, the loneliest person in all of Vilne – he didn't have a single soul to comfort him.

At Leyke's, Tamare had a little time to open a book. Of all the women in the trade, she was the most literate. She even exchanged books at the *Mefitse Haskole Library* on Zavalne Street. She depended on Krasny, the librarian, to tell her what to read. He recommended a book called *The Lady of the Camellias*, written by a certain Dumas.

Tamare read the story to her friend Black Leyke and they both had a good cry, especially at the end when the camellia lady went off to die. She had in fact never been a lady, but had eaten the same bitter fruit as they, earned from lying in the beds of strangers.

When Siomke Kagan, the newspaper reporter from the *Vilner Tog*, had tried to establish a professional union for Vilne streetwalkers, Tamare had been the first to speak up. It was she who had raised the issue of overtime, which the brothel owners, the pimps, weren't willing to recognize. Like so many of Siomke's projects, nothing came of the professional union. But from that day on, Tamare used strange words like "exploitation," "class consciousness," and "general strike."

■ ■ ■

Tamare left the profession. She lived with Leyke, who rented a room on Shkaplerne Street, quite far from the city. Leyke survived on what she got from occasional guests, elderly Jews who weren't from Vilne, and was able to help her friend Tamare out with a bowl of soup and a cup of tea.

Tamare felt very badly about leaning on Leyke, so she searched for a way to earn a *groschen*. Her efforts didn't



גרינדן אַ פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין פֿון די ווילנער גאַסן־מיידלעך, האָט טאַמאַרע די ערשטע גענומען אַ וואָרט, זי האָט דאָס אויפֿגעהויבן די פֿראַגע וועגן איבערשעהען, וואָס די באַנדערס, די באַלעבאַטים פֿון די הײַזלעך, האָבן ניט געוואָלט אָנערקענען. פֿון דעם פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין איז גאָרניט געוואָרן, ווי פֿון אַנדערע סיאָמקעס פּראָיעקטן, אָבער טאַמאַרען זענען פֿון יענע טעג איבערגעבליבן אויסלענדישע ווערטער ווי עקספּלואַטאַציע, קלאַסן־באַוווּסטזײַן און גענעראַל־שטרײַק.

■ ■ ■

טאַמאַרע איז אַוועק פֿון פֿאַך. זי האָט געוווינט בײַ לאהקען, וואָס האָט געהאַט געדונגען אַ קאַמער אויף שקאַפּלערנע, ווײַטלעך פֿון שטאָט. לאהקע האָט געלעבט דערפֿון וואָס זי פֿלעגט ברענגען צו זיך צופֿעליקע געסט, עלטערע ייִדן פֿון ניט־הי. האָט זי געקאָנט אונטערהאַלטן דער חבֿרטע מיט אַ טעלער זופּ און אַ גלאָז טיי. טאַמאַרע האָט זייער געליטן דערפֿון, געזוכט ווי צו פֿאַרדינען אַ גראָשן, אָבער קיין גרויסע זיבן זאַכן האָט זיך ניט געמאַכט. בערטע די לוכטע האָט זי דווקא גערופֿן צוריק, אָבער טאַמאַרע האָט געהאַט איר האָנאָר. דער איינציקער מיט וועמען זי האָט זיך געטראָפֿן, איז געווען הערשעלע דער טרעגער. פֿלעגט ער זיך טאַקע אָפּשטעלן מיט איר פֿון צײַט צו צײַט בײַ לאהקען, אָבער פֿון הערשעלען האָט מען געקאָנט האָבן מער ליבשאַפֿט ווי פּרנסה.

סיאָמקע קאַגאַן האָט זייער געוואָלט העלפֿן טאַמאַרען. ער האָט אין איר געזען דעם קרבן פֿון פֿאַרשאָלטענעם קאַפּיטאַליזם, מיט וועלכן ער האָט אַזוי ביטער געקעמפֿט אַלע זײַנע יונגע יאָרן, האָט ער ווידער אַ מאָל געפּרוּווט פֿאַרווירקלעכן זײַן פּלאַן וועגן עפֿענען אין ווילנע אַ שול פֿאַר ליבע. וועגן אָט דעם פּראָיעקט האָט ער אָנגעשריבן אַ גרויסן אַרטיקל אין דער צײַטונג, אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט און דעם כּבֿוד וואָס אַזאַ שול, די ערשטע אין דער וועלט, וועט ברענגען ווילנע, און אָנגעגעבן אין נדן צוויי הויך קוואַליפֿיצירטע פּעדאַגאָגן — טאַמאַרע שימעליסקי און לאה ברענער, באַוווּסט אין די פֿאַכקרײַזן מיט די נעמען טאַמאַרע די הויכע און לאהקע די שוואַרצע. אַזוי האָט זיי באַקענט דעם לייענער סיאָמקע קאַגאַן אין זײַן אַרטיקל.

טאַמאַרע האָט ניט געהאַלטן דערפֿון. מען האָט שוין איין מאָל געפּרוּווט, אַפֿילו באַשטעלט אַ שילד, אָבער פֿון געשעפֿט האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך. סיאָמקע האָט אָבער ניט נאָכגעלאָזט. ער איז אַוועק איבערן שטאָט זוכן לערן־מאַטעריאַל. האָט ער אַזוי לאַנג גענישטערט אין קליינעם פֿונקס ביכערקראָם אויף דײַטשע גאַס, ביז ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דווקא חײַקל לונסקי, דער ביבליאָטעקאַר פֿון סטראַשונס ביבליאָטעק, קאָן אים העלפֿן. איז סיאָמקע אַוועק צו חײַקלען פֿרעגן וואָס יענער קאָן טאָן פֿאַר אים. איז חײַקל לונסקי צוגעגאַנגען צו אַ ווײַטיקער שאַפֿע אין דער ביבליאָטעק און אַרויסגענומען פֿון דאָרטן אַ דין ביכעלע, אַ קונטרס, ווו עס זענען געווען זייער גענוי פֿאַרשריבן אַלע תּקנות וועגן ריכטיק באַשלאָפֿן אַ ווײַב און וואָס צו טאָן אויף צופֿרידן שטעלן דעם מאַן.

חײַקל לונסקי האָט געגלעט דעם קונטרס, איבערגעדרוקט פֿון אַן אַלטן כּתבֿ־יד, וואָס האָט געדאַרפֿט האָבן אַ גוטע פֿאָר הונדערט יאָר. דער נאָמען פֿון מחבר איז ניט געווען אָנגעגעבן. דער קונטרס האָט געהייסן אהבה בתענוגים, וואָס אויף פּראָסט ייִדיש הייסט דאָס: „די ליבע אין פֿאַרגעניגנס".

סיאָמקע האָט גלײַך פֿאָרגעלייגט לונסקין איבערזעצן דעם קונטרס אויף ייִדיש. יענער האָט אים מבֿטל געמאַכט מיט אַ שמייכל אין זײַן געדיכטער באָרד, און געשעפּטשעט דערבײַ:

— אײַ, סיאָמע, דער לימוד, וואָס דו ווילסט אײַנפֿירן אין ווילנע, האָבן אונדזערע חכמים געבראַכט פֿאַר דעם עולם פֿריִער פֿון דיר. ווערסט מיט דעם ניט אַנטדעקן אַמעריקע...

ס'האָבן ניט געהאָלפֿן סיאָמקעס אַרגומענטן, אַז די גאַנצע זאַך קאָן זײַן אַזוינס און אַזעלכס. דאָס וועט מרעיש־עולם זײַן. אַ שול פֿאַר ליבע אין ווילנע, וואָס באַדינט זיך מיט לערן־מאַטעריאַל פֿון אָריגינעלע, ייִדישע מקורות, ממש פֿון דער רבנישער ליטעראַטור. חײַקל לונסקי, מיט זײַן אײַזערנער געדולד, האָט אויסגעהערט סיאָמקען ביזן סוף און פֿאַרשטופּט דעם קונטרס צוריק אין דער שאַפֿע צווישן אַנדערע זעלטענע ספֿרים.

טאַמאַרע האָט זיך נישט פֿאַרלאָזט אויף סיאָמקען מיט זײַנע פֿאַנטאַזיעס און אָנגעהויבן זוכן וואָס צו טאָן. פֿריִער האָט זי זיך געוואָלט שטעלן אויפֿן מאַרק מיט אַ קאָשיק הינערשן דרויב, אָבער די מאַרק־ייִדענעס האָבן איר ניט צוגעלאָזט. צו פֿיל הענדלערקעס האָבן זיך צעשטעלט מיט זייער סחורה. איז זי אַוועק אין שחיטה־שטיבל פֿליקן עופֿות. דאָרטן האָבן די ווײַבער זי יאָ פֿײַן אויפֿגענומען. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און טאַמאַרע האָט מיטגעבראַכט לאהקען די שוואַרצע צו דער אַרבעט. זענען זיי ביידע געזעסן, פֿאַרזונקען די פֿיס אין בערג הינערשע און גענדזענע פֿעדערן, און פֿון צײַט צו צײַט זיך דערמאָנט די אַמאָליקע יאָרן, ווען פֿון איין גאַסט האָט מען געהאַט מער ווי פֿון צען אָפּגעפֿליקטע הינער. לאהקעס ייִנגל, עלינקע, וואָס זי האָט געהאַט פֿון אַ צופֿעליקן ייִדן און געטענהט, אַז דאָס איז געווען אליהו־הנבֿיא, איז אומגעלאָפֿן איבער דעם שחיטה־שטיבל און אַלע פֿליקערקעס האָבן געקליבן נחת פֿון אים.

איין זאַך האָט סיאָמקע יאָ אויפֿגעטאָן פֿאַר טאַמאַרען. ער האָט זי אַרײַנגעצויגן אין אַ קרײַזל, וואָס האָט זיך געזאַמלט געהיים אין אַן אייבערשטיבל אויף ייִדישע גאַס, אין ראַמײַלעס הויף. דאָרטן זענען געזעסן לאַנגע אָונטן אַ פּאָר הויזן־בייער, עטלעכע שנײַדער־געזעלן, נייטערקעס, אַ הענטשקע־מאַכער, און אַ בחור מיט הונגעריקע אויגן האָט געלויבט פֿאַר זיי דאָס לעבן אין גרויסן ראַטן־פֿאַרבאַנד, אונטער דער זון פֿון דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע. אַ לעבן מקנא צו זײַן. אַלע אין קרײַזל האָבן געוווּסט וואָס טאַמאַרע איז פֿריִער געווען. דער דאַרער בחור האָט זי פֿאָרגעשטעלט ווי אַ געוועזענעם שקלאַף פֿון דער בורזשואַזער אָרדענונג.

■ ■ ■

טאַמאַרע די הויכע האָט געפֿליקט עופֿות, באַזוכט פֿון מאָל צו

amount to much. Stovepipe Berte offered to take her back, but Tamare had her self-respect. The only person Tamare still saw was Hershl the Porter, who stopped by Leyke's from time to time. But you could get more love than money from Hershl.

Siomke Kagan really wanted to help Tamare. He saw her as a victim of the brutal capitalist system against which he had struggled so bitterly throughout his youth. He tried once again to open a school for love in Vilne and wrote a long article in the paper about the project, underlining its importance and the honor which such a school, the first in the world, would bring to Vilne. He also pointed out that, added to the bargain, Vilne had two highly qualified educators: Tamare Shmelisky and Leye Brenner, known in the profession by the names Tall Tamare and Black Leyke. That's how Siomke Kagan introduced his readers to Tamare and Leyke.

Tamare didn't put much stock in Siomke's plan. It had been tried once before. They had even ordered a sign, but nothing came of it. Siomke refused to give up and took himself around the city in search of teaching material. He rummaged around for so long in Foonks, the small bookshop on Daytshe Street, that it eventually dawned on him that Khaykl Lunsky, the librarian at the Strashun Library, could help him.

Siomke went to the library to see what Khaykl could do for him. Khaykl Lunsky went over to a side cupboard in the library and took out a thin little book. The pamphlet precisely spelled out all the fine points for correctly having sex with a woman as well as what to do to please the man.

Khaykl Lunsky stroked the pamphlet, reprinted from an old manuscript which had to be a good few hundred years old. The author's name wasn't given. The pamphlet, written in Hebrew, was called *Ahava Batonugim*, which in plain Yiddish means "Pleasure in Love."

Siomke immediately suggested to Lunsky that he translate the booklet from Hebrew into Yiddish, but Lunsky dismissed the suggestion. He smiled into his thick beard and whispered, "Ah Siomke, our sages long ago brought people the knowledge you're thinking about introducing to Vilne now. You won't discover America with this."

It didn't help Siomke to argue that the whole undertaking could be a huge success. "It will stir up the entire world," he insisted. "A school for love in Vilne, which makes use of pedagogic material from original Jewish sources. From rabbinic literature no less." With steadfast patience, Khaykl Lunsky heard Siomke out. Then he put the pamphlet back into the cupboard amongst the other rare religious books.

Tamare was not depending on Siomke and his fantasies and began to look around for a way to earn a living. She had tried to set herself up in the market with a basket of chicken giblets, but the market women wouldn't allow it, claiming there were already too many people selling their wares.

So Tamare went to work in the slaughter shed plucking poultry. There the women readily accepted her and before very long she brought in Black Leyke to work with her. The two women sat together, their legs buried in mountains of chicken and goose feathers. From time to time they reminisced about the old days when they had earned more from one guest than from ten plucked chickens. Leyke's boy Elinke ran around the slaughter shed, bringing joy to all the pluckers. (He was the product of a casual encounter with some Jew, though Leyke insisted that the father was Elijah the Prophet.)

There is one thing that Siomke did do for Tamare. He got her involved in a small circle which gathered secretly in a garret on Yiddishe Street in Ramayles Courtyard. A pair of trouser tailors, several assistant tailors, a few seamstresses, a glovemaker, and a young man with hungry eyes sat together for hours in the evenings. The young man praised life in the great Soviet Union under the sun of the Stalinist constitution. A life to envy. Everyone in the circle knew what Tamare had once been; the skinny young man presented her as a former slave of the bourgeois order.

■ ■ ■

Tall Tamare plucked chickens, attended the circle from time to time, and tried to feel satisfied with her life. It wasn't easy. Sometimes she felt the urge to once again put on her skirt with the deep slit which showed off her long legs, slip on a low-cut blouse, take her patent leather bag in hand, and stand on Savitsher Street, next to the Piccadilly Cinema, winking at passersby. But what if one of her new acquaintances happened to walk by? What would they say? There in the garret on Yiddishe Street, they treated her as though she had never worked for Stovepipe Berte. Tamare satisfied herself with the slaughter shed and taking books out of the library.

Once, in haste, Krasny the librarian slipped Tamare a bunch of stories. The collection was called *Folk Stories* written by a certain Peretz. Tamare wanted to ask for something else right away: a novel, a love story with duels. But it was Friday and readers were rushing around and shoving each other to get a book for *Shabbes*. Tamare put the *Folk Stories* in her basket and went off to Leyke's on Shkaplerne Street.



"Persistence," an oil on canvas by Samuel Bak; image courtesy of Pucker Gallery. www.puckergallery.com.

מאָל דעם קרײַזל און זיך געסטאַרעט זײַן צופֿרידן מיט איר לעבן.
ס'איז ניט געווען אַזוי לײַכט. אַ מאָל פֿלעגט זי אַ צי טאָן אָנטאָן
צוריק דאָס רעקל מיטן טיפֿן שליץ, וואָס דורך אים האָט מען
געזען אירע הויכע פֿיס, אַרויפֿציִען אויף זיך די אָפֿענע בלוזקע,
נעמען אין האַנט דעם לאַקירענעם רידיקול, און זיך אַוועקשטעלן
אויף סאַוויטשער גאַס, לעבן קינאָ „פּיקאַדילי״, זשמורען מיט
אַן אויג; טאָמער גייט אָבער ווער פֿאַרבײַ פֿון די נײַע באַקאַנטע,
וואָס וועלן זיי זאָגן? דאָרטן, אין דעם בוידעמשטיבל אויף ייִדישע
גאַס האָט מען זי אויפֿגענומען ווי זי וואָלט גאָרניט געדינט בײַ
בערטען די לוכטע. האָט זי זיך באַנוגנט מיט דעם שחיטה־שטיבל
און מיט נעמען אַ ביכל אין דער ביבליאָטעק.
האָט דער ביבליאָטעקאַר קראַסני אונטערגערוקט טאַמאַרען
אין אײַלעניש אַ בינטל דערציילונגען. די זאַמלונג האָט
געהייסן פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן פֿון אַ שרײַבער,
אַ געוויסן פּרץ. האָט זי גלײַך געוואָלט בעטן עפּעס אַנדערש —
אַ ראָמאַן, אַ ליבע מיט דועלן. אָבער דאָס איז געווען פֿרײַטיק,
לייענער האָבן זיך געשטופּט און געאײַלט נעמען אַ בוך אויף
שבת, האָט טאַמאַרע אַרײַנגעלייגט די געשיכטן אין
קאָשיק און אַוועק אויף שקאַפּלערנע, צו לאַהקען.
זענען ביידע חבֿרטעס געזעסן אין אָוונט בײַם טיש, ווי

That evening the two friends sat at the table like two discharged soldiers too worn out to speak. Elinke was already asleep. The *Shabbes* candles, which Leyke had started lighting regularly once Elinke, her *kaddish*, was born, flickered on the chest of drawers. It was autumn. A very fine rain was beating down on the low window which looked out on a small garden, in the style of the wooden houses in that neighborhood. Tamare leafed through the book of stories, her full lips frowning in doubt. Leyke silently collected the *khale* crumbs from the *Shabbes* tablecloth. She resented her friend who hadn't said a word to her all evening. Tamare was completely absorbed in her book. Finally Leyke could contain herself no longer and grumbled, "So, tell me what's so interesting."

Tamare lifted her chestnut brown cat's eyes to Leyke, the same eyes whose glance had so warmed the blood of those who had come to Stovepipe Berte's establishment. Tamare smiled. "These stories are very difficult to understand. There's a lot of Hebrew words. You have to be a rabbi to figure it out."

"So why knock yourself out?" Leyke asked. "On Sunday you can ask for a book that you won't have to kill yourself to read."

Tamare thought for a moment and then confessed, "There's one story that I did manage to understand. It's very . . .Very. . . So . . . About."

Leyke prodded her, "So tell me already. About this. About that. About what?

"It has a deep thought."

"So what's the thought?"

"I have to read it to you."

Leyke lost patience. "Just tell me what it's about."

Tamare cleared her throat and began, "It's a story about three gifts. A Jew dies and he's not allowed into Paradise until he brings three gifts to heaven."

"What? They need gifts in heaven?"

Tamare got upset. "If you ask idiotic questions, I won't tell you the story. A writer wrote it. Just listen!"

"Come on. What's going on here? A person can't even ask a question?"

Tamare dismissed Leyke with a wave of her hand and continued. "He brought a pin to heaven as a gift."

Leyke was afraid to ask why you'd need a pin in heaven, so she kept quiet. Tamare continued, "The dead Jew brought two more gifts: a little sack of earth from Israel and a *yarmulke*. But the story about the pin really touched me."

Tamare closed the book and began telling the story. "This is how it was. Catholic priests condemned one of the rabbi's daughters to death because she went out on the street when a church procession was passing by. Years ago, Jews weren't allowed on the streets where *goyim* lived. They tied the rabbi's daughter's braid to the tail of a wild horse so that the galloping horse would drag her through the cobblestone streets.

"The priests asked the rabbi's daughter for her last wish. She requested a pin and pinned her dress to the flesh of her legs. That way, when the horse sped through the streets, her dress wouldn't lift up in the wind and people wouldn't see her female parts."

Leyke grabbed her head with her hands. "To her very flesh?"

"Exactly as you heard it."

This didn't sit well with Leyke. "A person is going to her death. Doesn't she have anything better to worry about? At that point, what did it matter?"

Tamare disagreed. "But that is exactly the point of the story. She went to her death but she remained a rabbi's daughter, not a wanton woman." Leyke shrugged her shoulders and pursed her lips, uncertain whether the rabbi's daughter in Peretz's story had been right.

And so, the two friends, for whom taking off their clothes for strange men had been an everyday occurrence, went off to their beds, each drawing her own conclusion.

■ ■ ■

Tamare stayed in the slaughter shed amongst the feathers until the war broke out. The Germans and the Russians divided Poland between themselves. On the nineteenth of September 1939, early on a beautiful morning at the beginning of autumn, tanks with red five-pointed stars on their steel sides appeared on the streets of Vilne. Tamare shook the down from her apron and, along with everyone else, ran to see the miracle. The entire group from the Ramayles Courtyard milled around the tanks like close relatives at a long-awaited wedding.

But the party didn't last long. In total, six weeks. One night the tanks snuck out of Vilne like well-fed turtles and the Russians gave the city to the Lithuanians as a gift. The *klumpes*, as people in Vilne called the Lithuanians, enjoyed the gift for eight months, until the Soviets decided to return and free them from the worry of running their own state. This took place on the fifteenth of June, 1940.

Only then did the people who had been meeting in the garret on Yiddishe Street come to life. Sheyke Aykher, who had lost an arm in the Spanish Civil War, became the director of city busses. Lam, the men's hat cleaner,



צוויי אויסגעדינטע סאָלדאַטן, און געשוויגן. עלינקע איז שוין געשלאָפֿן. אויפֿן קאָמאָד האָבן געצאַנקט די שבת־ליכט, וואָס לאהקע האָט זיך געמאַכט אַ מינהג אָנצוצינדן זינט איר קדיש איז געבוירן געוואָרן. האַרבסט איז געווען. אַ דריבנער רעגנדל האָט געקלאַפּט אין נידעריקן פֿענצטער וואָס איז אַרויס צו אַ שטיקל גאָרטן, ווי דער שטייגער פֿון די הילצערנע שטיבער אין יענער געגנט. טאַמאַרע האָט געבלעטערט די ג ע ש י כ ט ן און שווערע ספֿקותן האָבן געקרימט אירע פֿולע ליפּן. לאהקע האָט געקליבן די ברעקלעך חלה פֿון שבתדיקן טישטעך, און געשוויגן. זי האָט געהאַט פֿאַראיבל אויף דער חבֿרטע, וואָס אַ גאַנצן אָוונט האָט זי מיט איר ניט אויסגערעדט קיין וואָרט און נאָר געווען פֿאַרנומען מיט איר בוך. האָט זי זיך ניט איינגעהאַלטן און אַ בורטשע געטאָן:

— לאָמיר אויך וויסן וואָס דו זוברעוועסט דאָרטן?

טאַמאַרע האָט אויפֿגעהויבן אויף לאהקען אירע קאָרע קאַצנאויגן, וואָס זייער בליק האָט אַזוי געוואַרעמט די איינגייער אין בערטע די לוכטעס געמאַכן, און זיך צעשמייכלט:

— דאָס זענען דערציילונגען שווער צו פֿאַרדייַען. מיט אַ סך העברעיִשע ווערטער. מען דאַרף זײַן אַ רבֿ דערצו.

— טאָ צו וואָס דאַרפֿסטו זיך ברעכן די ציין? זונטיק וועסטו בעטן אַן אַנדער בוך, מען זאָל אים קאָנען נעמען אין מויל אַרייַן.

טאַמאַרע האָט זיך אַ רגע פֿאַרטראַכט און דערנאָך זיך מודה געווען:

— איין מעשׂה האָב איך דווקא יאָ צעקייַט. זייער... זייער... אַזאַ... נו... מיט...

לאהקע האָט זיך אונטערגעשטופּט:

— זאָג שוין מיט אַהער, מיט אַהין, מיט וואָס?

— מיט אַ געדאַנק...

— לאָמיר הערן דעם געדאַנק.

— איך מוז דיר דאָס איבערלייענען.

לאהקע האָט ניט געהאַט קיין געדולד:

— פֿריִער דערצייל מיר אין וואָס עס גייט דאָרטן.

טאַמאַרע האָט זיך אָפּגעהוסט און אָנגעהויבן דערציילן:

— ס'איז אַ מעשׂה מיט דרייַ מתּנות. אַ ייִד, וואָס איז געשטאָרבן און מען לאָזט אים נישט אַרייַן אין גן־עדן, ביז ער וועט נישט ברענגען דרייַ מתּנות אין הימל.

— ווער דאַרף אין הימל מתּנות?

טאַמאַרע האָט זיך אויפֿגערעגט:

— אַז דו פֿרעגסט פֿערדישע פֿראַגעס, וועסטו בלייַבן אָן דער מעשׂה. אַ שרייַבער שרייַבט, איז הער זיך צו!

— שאַ, שאַ, זע וואָס דאָ טוט זיך. מען טאָר שוין ניט פֿרעגן אויך?

טאַמאַרע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און ממשיך געווען:

— האָט ער געבראַכט אין הימל אַ מתּנה אַ שפּילקע...

לאהקע האָט מורא געהאַט צו פֿרעגן אויף וואָס דאַרף מען אין הימל אַ שפּילקע, האָט זי געשוויגן און טאַמאַרע האָט דערציילט ווייַטער:

— דער געשטאָרבענער ייִד האָט געבראַכט נאָך צוויי מתּנות — אַ זעקעלע ארץ־ישׂראל־ערד און אַ יאַרמלקע. אָבער די שפּילקע האָט מיך גענומען פֿאַרן האַרץ...

טאַמאַרע האָט פֿאַרמאַכט די פֿ אָ ל ק ס ט י מ ל ע כ ע ג ע ש י כ ט ן , און אָנגעהויבן דערציילן:

— די זאַך איז געווען אַזוי. גלחים האָבן פֿאַרמישפּט צום טויט אַ רבס אַ טאָכטער, ווייַל זי איז אַרויס אויף דער גאַס ווען ס'איז געגאַנגען אַ פּראָצעסיע פֿון קלויסטער. מיט יאָרן צוריק האָט אַ ייִד נישט געטאָרט גיין אין די גוייִשקע גאַסן. האָט מען זי, דעם רבס טאָכטער, צוגעבונדן פֿאַרן צאָפּ צום עק פֿון אַ ווילדן פֿערד, ער זאָל זי שלעפּן אין געלאַף איבערן בריק. האָבן די גלחים זי געפֿרעגט וואָס פֿאַר אַ בקשה האָט זי פֿאַרן טויט. האָט דעם רבס טאָכטער געבעטן אַ שפּילקע. מיט דער שפּילקע וואָס זי האָט באַקומען, האָט זי צוגעשפּיליעט איר קלייד צום לעבעדיקן פֿלייש פֿון אירע פֿיס, כּדי מען זאָל ניט זען אירע ווייַבערשע ערטער בעת דאָס פֿערד וועט זיך יאָגן מיט איר דורכן גאַס, און דאָס קלייד וועט זיך אויפֿהייבן מיטן ווינט.

לאהקע האָט זיך געכאַפּט פֿאַרן קאָפּ:

— צום סאַמע פֿלייש?

— אָט דאָס וואָס דו הערסט...

לאהקען איז דאָס נישט געפֿעלן געוואָרן:

— אַ מענטש גייט צום טויט, האָט ער ניט קיין אַנדערע דאגות? וואָס איז שוין דער אונטערשייד?...

טאַמאַרע האָט דערווידערט:

— אָט דאָס טאַקע איז דאָך דער געדאַנק. צום טויט איז זי געגאַנגען, אָבער אַ רבס אַ טאָכטער איז זי געבליבן, ניט הפֿקר...

לאהקע האָט געצויגן אַן אַקסל. דער ספֿק צי דעם רבס טאָכטער אין פּרצעס דערציילונג איז געווען גערעכט האָט איר פֿאַרצויגן די ליפּן.

אַזוי זענען ביידע חבֿרטעס, וואָס אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דאָס קלייד פֿאַר פֿרעמדע אויגן איז געווען בייַ זיי אַ וואָכעדיקע זאַך, אַוועק צו זייערע געלעגערס, יעדע מיט איר אייגענעם אויספֿיר.

■ ■ ■

טאַמאַרע איז געזעסן אין שחיטה־שטיבל צווישן די פֿעדערן, ביז ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה. די דייַטשן מיט די רוסן האָבן זיך צעטיילט מיט דער פּוילישער מדינה. אין ווילנע האָבן דעם נייַנצנטן סעפּטעמבער, יאָר נייַן און דרייַסיק, זיך באַוויזן אין אַ שיינעם פֿריהאַרבסטיקן פֿרימאָרגן אויף די גאַסן טאַנקען מיט רויטע, פֿינפֿעקיקע שטערן אויף די שטאָלענע באָרטן. טאַמאַרע האָט אָפּגעשאָקלט דעם פּוך פֿון פֿאַרטעך און געלאָפֿן מיט אַלעמען זען דעם ווונדער. דער גאַנצער קרייַזל פֿון ראַמייַלעס הויף האָט זיך געדרייט אַרום די טאַנקען ווי נאָענטע מחותּנים אויף אַ לאַנג דערוואַרטער חתונה. די שׂימחה האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט. אין גאַנצן אַ זעקס וואָכן. דורך נאַכט האָבן זיך די טאַנקען, ווי

was appointed manager of a movie theatre. Brayke the trouser tailor took over Berger's soda water plant. Vilne was drenched in the odor of the dictatorship of the proletariat. People said that Tamare had had leftist sympathies for a long time and the new regime installed her in a meat warehouse.

Black Leyke did better than anyone else. She got herself a lieutenant from the Red Army, a fine *sheygets*. Not a big drinker. He immediately bought her a white shawl, the type worn by the lieutenant's wives, and even went to live with her on Shkaplerne Street. The shawl lay on Leyke's locks like snow on a mound of smoldering coals; it was a pleasure to look at her.

Leyke fit right in with the other wives in the garrison. She even picked up bits of Russian, enough to explain to her friends the difference between a long nightdress and a formal gown. The matrons who had just arrived in Vilne were certain that you could go dancing in the officer's club in a nightie. With the lieutenant, Leyke became more refined and took on some style. Vilne didn't recognize her.

Tamare was also seen with various officers, but nothing came of it. She found herself a little room on Shavelske Street so as not to interfere with her friend's good fortune. It really was good fortune. Thanks to the lieutenant, Leyke and her son were saved. During the retreat from Vilna in 1941, the lieutenant placed them on a military truck which took them deep into the hinterland. Leyke wanted to take Tamare with them, but because of the urgency of the situation and the general turmoil it didn't happen. The lieutenant cursed in the name of his mother, screaming that at any moment the German troops could show up.

■ ■ ■

And Tall Tamare? She didn't have to suffer from the Germans for long. On Wednesday, the seventeenth of September, 1941, some ten days after Vilne Jews were driven into the ghetto, Tamare stood with almost 1300 Jews on the field at Ponar – the place, not far from the city, where the Germans had chosen to murder the Jews of Vilne.

Tamare had had her own unique luck. They hadn't had to drive her into the ghetto; she had already been there. Shavelske Street lay in the heart of the area assigned to Vilne Jews.

During the first months of the brutal German rule of Vilne, Tamare had tried her hand at various things. She had done a little selling of chicken giblets and from time to time had helped herself out with Hershl the Porter. Until she fell, as into a whirlpool, between the rules and regulations demanding she have the proper certificate, called a *shayn*, from the Germans in order to stay alive.

Tamare stood with the other women on the field at Ponar, gazing into the distance. What and who could she have been thinking about? She was absolutely alone; she had no one. She had been abandoned as a child and grown up in an orphanage. She had earned her living as a waitress for Zuske "the Professor," who had a bar on Konske Street, until he explained to her that with her legs, if she stood on a corner, she could make good money.

■ ■ ■

The order was given to undress.

Tamare did not undress. She dug her nails into the soft flesh of her plump arms without giving the slightest indication that she would undo even a button. She refused to obey the German with his machine gun. Tamare was taller than him, and standing opposite him in her cotton dress with the red and blue flowers, she looked him straight in the eye without reacting to his shouting.

He didn't shout for long. A moment later, Tamare lay in the sand, felled by a hail of bullets.

■ ■ ■

That's how Tall Tamare, the last Jewish streetwalker in Vilne, met her death.

A woman who was wounded and crawled out of the pit at night managed to return to the ghetto and later told the story. ♦

*Helen Mintz (www.helenmintz.net) is a translator, solo performer, storyteller, and teacher. She brings Yiddish stories and poems, particularly the voice of Yiddish-speaking women, to both Yiddish-speaking and non-Yiddish-speaking audiences. She is seeking a publisher for her translations of Karpinovitch's stories.*



אָנגעגעסענע טשערעפּאַכעס, זיך אַרויסגעשאַרט צוריק פֿון ווילנע. די רוסן האָבן אָפּגעגעבן די שטאָט אַ מתּנה פֿאַר די ליטווינער. די קלומפּעס, ווי מען האָט זיי גערופֿן אין ווילנע, האָבן זיך געפֿרייט מיט דער מתּנה בײַ אַכט חדשים, ביז די סאָוועטן האָבן באַשלאָסן קומען צוריק, כּדי צו באַפֿרײַען די ליטווינער פֿון אַלע דאגות צו פֿירן אַליין אַ מדינה. דאָס איז געשען דעם פֿופֿצנטן יוני, נײַנצן פֿערציק.

ערשט דעמאָלט זענען אַלע, וואָס האָבן זיך געזאַמלט אין אייבערשטיבל אויף ייִדישע גאַס געקומען צום לעבן. שײַקע אייכער, וואָס האָט פֿאַרלאָרן אַ האַנט אין שפּאַנישן בירגערקריג, איז געוואָרן דירעקטאָר פֿון די שטאָטישע אויטאָבוסן. לאַם, דער רייניקער פֿון מענער־קאַפּעליושן, האָט באַקומען די שטעל פֿון אַ קינאָ־פֿאַרוואַלטער. ברײַקע דער הויזן־שנײַדער האָט איבערגענומען בערגערס זאַוואָד פֿון סאָדע־וואַסער. בכלל האָט ווילנע פֿאַרשמעקט מיט דער דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט.

אויף טאַמאַרען האָט מען געזאָגט עדות, אַז זי איז לינק געשטימט ניט פֿון הײַנט, און די נײַע מאַכט האָט איר אַרײַנגעזעצט אין אַ סקלאַד פֿון פֿלייש־קאָמבינאַט.

בעסער פֿון אַלעמען האָט אויסגעפֿירט לאהקע די שוואַרצע. זי האָט אונטערגעכאַפּט אַ לייטענאַנט פֿון דער רויטער אַרמיי, אַ ווױלער שגץ. ניט קיין גרויסער טרינקער. גלײַך האָט ער איר געקויפֿט אַ ווײַסן שאַל, אויפֿן שטייגער פֿון די לייטענאַנטסקע ווײַבער, און אַוועק מיט איר לעבן, טאַקע אויף שקאַפּלערנע. דער שאַל איז געלעגן אויף לאהקעס לאָקענעס ווי שניי אויף אַ בערגל פֿאַרלאָשענע קוילן. ס'איז געווען אַ פֿאַרגעניגן צו קוקן אויף איר. לאהקע איז געוואָרן אַן אייגענע צווישן די אַנדערע ווײַבער פֿון גאַרניזאָן. זי האָט שוין געהאַט אויפֿגעכאַפּט שטיקלעך רוסיש לשון אויף אַזוי פֿיל, אַז זי איז מסוגל געווען צו געבן פֿאַרשטיין אירע קומושקעס דעם אונטערשייד צווישן אַ לאַנגער נאַכטהעמד און אַ באַלקלייד. די אָנגעפֿאָרענע, נײַע מאַדאַמען זענען געווען זיכער, אַז מען קאָן אין אַ נאַכטהעמד קומען טאַנצן אין אָפֿיצירן־קלוב. לאהקע האָט זיך בײַם לייטענאַנט אַ ביסל אויסגעריבן, אָנגענומען אַ שטיקל פֿאַסאָן. ווילנע האָט זי ניט דערקענט.

טאַמאַרע האָט זיך אויך געהאַט דורכגעוואָרפֿן מיט עטלעכע נאַטשאַלניקעס, אָבער ס'האָט זיך ניט געקלעפּט. זי האָט געפֿונען אַ ווינקל אויף שאַוועלסקע גאַס, כּדי ניט צו שטערן דער חבֿרטע איר גליק. ס'איז טאַקע געווען אַ גליק. אַ דאַנק אָט דעם לייטענאַנט האָט זיך לאהקע מיט איר ייִנגל געראַטעוועט. בעתן אָפּטרעטן פֿון ווילנע, אין איין און פֿערציקסטן יאָר, האָט דער לייטענאַנט אַרויפֿגעזעצט לאהקען מיט עלינקען אויף אַ מיליטערישער לאַסטמאַשין וואָס האָט זיי דערפֿירט טיף אין הינטערלאַנד. לאהקע האָט געוואָלט מיטנעמען טאַמאַרען, איז אָבער די אײַלעניש און די מהומה געווען צו גרויס. דער לייטענאַנט האָט געשריִען, געשאָלטן אין דער מאַמען אַרײַן, ווײַל יעדע רגע קאָן אָנקומען אַ דײַטשער דעסאַנט.

...און טאַמאַרע די הויכע? זי האָט ניט באַוויזן קיין סך צו לײַדן פֿון די דײַטשן. שוין מיטוואָך, דעם זיבעצנטן סעפּטעמבער 1941, אַ צען טעג נאָכן פֿאַרטרײַבן די ווילנער ייִדן אין געטאָ, איז זי געשטאַנען צווישן קנאַפּע דרײַצן הונדערט ייִדן אויפֿן פֿעלד פֿון פּאָנאַר — דאָס אָרט וואָס די דײַטשן האָבן אויסגעקליבן אויסצוהרגענען די ווילנער ייִדן, ניט ווײַט פֿון דער שטאָט.

טאַמאַרע האָט אויך געהאַט אַ באַזונדערן מזל — מען האָט איר ניט געדאַרפֿט פֿירן אין געטאָ. זי איז שוין דאָרט געווען פֿריִער. שאַוועלסקע גאַס איז געלעגן אין האַרץ פֿון דעם תּחום־המושבֿ, באַשטימט פֿאַר די ווילנער ייִדן.

די ערשטע חדשים פֿון דעם דײַטשן שאַלטעווען אין ווילנע האָט זיך טאַמאַרע געדרייט דאָ, דאָרטן. אַ ביסל האָט זי אונטערגעהאַנדלט מיט דרויב און פֿון צײַט צו צײַט זיך אַרויסגעהאָלפֿן מיט הערשעלען דעם טרעגער. ביז זי איז אַרײַנגעפֿאַלן, ווי אין אַ קעסלגרוב, צווישן גזירות, פֿאַראָרדענונגען וועגן האָבן אַ געהעריקן צעטל, אַ שײַן פֿון די דײַטשן אויף בלײַבן לעבן.

איצט איז זי געשטאַנען מיט נאָך פֿרויען אויפֿן פֿעלד פֿון פּאָנאַר און געקוקט אין דער ווײַט. וועגן וועמען, וועגן וואָס האָט זי געקאָנט טראַכטן? אַליין איז זי דאָך געווען אַזוי עלנט, ניט געהאַט קיינעם. זי איז געווען אַן אונטערגעוואָרפֿענע, זיך געהאָדעוועט אין יתומים־הויז. געקומען צו איר ברויט דורך זײַן אַ דערלאַנגערקע בײַ זוסקע דעם פּראָפֿעסאָר וואָס האָט געהאַט אַ קנײַפּע אויף קאָנסקע גאַס. דאָס האָט ער איר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז מיט אירע פֿיס, אויב זי וועט שטיין אויף די ראָגן, קאָן זי מאַכן געלט.

■ ■ ■

און אָט איז געקומען אַ באַפֿעל מען זאָל זיך אויסטאָן.

טאַמאַרע האָט זיך ניט אויסגעטאָן. זי האָט פֿאַרגראָבן די נעגל פֿון אירע פֿינגער אינעם ווייכן פֿלייש פֿון אירע פּוכקע אָרעמס און ניט געגעבן דעם מינדסטן סימן, אַז זי גייט אָפּשפּיליען אַ קנעפּל.

טאַמאַרע האָט ניט צו ליב געטאָן דעם דײַטש וועלכער איז געשטאַנען קעגן איבער איר מיט זײַן מאַשין־געווער. העכער פֿון אים, אין איר פּערקאַלענעם קליידל מיט די רויטע און בלויע בלימעלעך, האָט זי אים געקוקט גלײַך אין די אויגן. און זיך ניט געמאַכט פֿון זײַנע געשרייען.

לאַנג האָט ער ניט געשריִען. אין איין רגע איז שוין טאַמאַרע געלעגן אויפֿן זאַמד. געטראָפֿן פֿון זײַן קוילן־סעריע.

■ ■ ■

אַזוי איז אַוועק צום טויט טאַמאַרע די הויכע, דאָס לעצטע ייִדישע גאַסן־מיידל אין ווילנע.

אַ פֿרוי וואָס איז אַ פֿאַרווונדיקטע אַרויסגעקראָכן בײַ נאַכט פֿון גרוב און מצליח געווען זיך אומצוקערן אין געטאָ האָט דאָס אַלץ שפּעטער דערציילט. ♦